STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01706

DER SHLOFLOZER

M. Frankental

*Permanent preservation of this book was made possible
by Robin Sherman
in loving memory of
Mae Balkansky Temkin 1909-2000*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. פראנקענטאל

דער שלאפלאזער

לאָדזש 1928

פארלאג / די טעאטער-וועלט

אַלע רעכט פאַרבלייבען באַ׳ם שרייבער.

אויפפירען, איבערזעצען אָדער איבערדרוקען
אָהן אַ דערלויבעניש פונ׳ם מחבר — איז פאַרווערט.

M. FRANKENTAL

BEZSENNY

Wydawnictwo:
Di Teater-Welt
Łódź, Południowa 32/4.

Tl. „Kultura", Łódź, Cegieln. 10.

דער שלאפלאזער

דראמאטישער עטיוד

אין איין אקט.

פאַרשוינען:

זיגמונט שטערן:

אַ בלאַסער, אַ דאַרער—22 יאָר אַלט;

אַ נאַכט וועכטער:

אַ קול:

פאַרשלאָפענע און האַלב-דערשראָקענע מענטשען.

די בינע:

אַ שטוב בײַ זיגמונט שטערן, גאַנץ ריין צוגעקליבען. רעכטס — אַ פענצטער אויף דער גאַס אַרויס, דערנעבען אַ אײַזען בעטעל; נישט ווייט דערפון, אַ אויסגאַנג-טיר. לינקס — אַ קליידער-שאַנק; נישט ווייט, אַ טיר אין אַ צווייטע שטוב. גלייך — אַ שרייב-טיש, אויף אים פֿאַרשידענע געברויך-מאַטעריאַלען; אין הינטערגרונט, אַ עטאַזשערקע מיט ביכער. — אויף די ווענט הענגען: פּאָרטרעטען, לאַנדשאַפטען, גראַווירונגען, בילדער פון בארימטע שרייבער און געלעהרטע, צווישען זיי: האַמסון און סטרינדבערג.

נאַכט. אויפ'ן שרייב-טיש ברענט אַ לאָמפּ. נעבען אים זיצט זיגמונט — מיט'ן פּנים צום צושויער — פֿאַרטיפט אין לייענען אַ בוך. קוּרצע פּויזע.

זיגמונט:

שטייט אויף פון אָרט, מורמעלט. **גענוג! פאַרמאַכט דאָס בוך,** שפּרייזט איבער די שטוב, שטעלט זיך אָב באַם פענצטער, רעדט ווי אין דער וועלט אַריין. **ס'מוז שוין זיין, שפּעט אין דער נאַכט. כ'בין שטאַרק מיד, די אויגען פאַלען מיר צו...** פּלוצלונג. **נאַרישקייטען! די נאַכט איז נאָך גענוג גרויס, כ'וועל מיך נאָך אויסרוהען!** — נאָך א ווײַלע. **באַלד וועל איך ליגען אין שניי־ווייסען בעטגעוואַנט און זיין פאַרזונקען אין טיפען שלאָף... פון דער גאַס וועט זיך דערטראָגען אַ גערויש, אַ גערודער — מיר וועט עס נישט שטערען... כ'וועל חלומ'ען די גאָלדענסטע חלומות און די שענסטע פאַנטאַזיען וועבען אין מיין מח...** דרייט אַראָב דעם לאָמפּ, לייגט זיך.

פּויזע.

דער זייגער קלאַפּט: „טיק־טאַק, טיק־טאַק".

זיגמונט:

הייבט אויף דעם קאָפּ, פאַרווינדערט. **ווער וועקט מיך דאָס? צי שפּרייזט עמיצער איבער דער שטוב?..** שרייט אַראָב פון געלעגער. **העי, ווער איז'ס דאָרטען אַריין און גענומען שפּרייזען, הין און צוריק.** באַקומט נישט קיין ענטפער, לייגט זיך צוריק.

דאָס קלאַפּען פון זייגער חזר'ט זיך איבער.

זיגמונט:

זעצט זיך אויף אויפ'ן בעט, צו זיך. כ'הער אָבער א שטיל קלאַפּען: ווי גאנץ-לייכט וואָלט עפּעס באַוועגט זיך, היין און צוריק... וואָס קען עס זיין? אין שרעק. אפשר איז א גנב אריין שטילערהייט און וויל מיך באַ'גנב'ענען?!.. ביטרע. כ'וועל באַלד אַלץ געוואָיר ווערען. פון וואנען ס'קומט דאָס גערויש! — לאָזט זיך שטיל אראָב פון געלעגער, פארקריכט אַן א זייט, הארכט זיך צו מיט דער גרעסטער אָנגעשטרענגקייט צו יעדען מינדסטען שאָרך וואָס קומט נאָר פאָיר ארום אים.

א שטילקייט.

דער זייגער קלאַפּט ווייטער ווי פריהער: „טיק-טאַק, טיק-טאַק".

זיגמונט:

האָט דערהערט, וואַרפט זיך צו אים, ווי א צורייצטע חיה ציטערט אַזש איינגאנצען פאַר כעס. אָט, האָט זיך גאָר דער צו מיר היינט אויפדערנאכט גענומען. בארימט זיך. באַלד וועט ער שווייגען! ר'וועט מיר אויפהערען צו גרילצען אין קאָפּ אריין, מיט זיין: „טיק-טאַק, טיק-טאַק"..! ארבעט א ווײַלע באַם זייגער, קען אים נישט אָפּשטעלען, צובייזערט זיך נאָך מעהר. און דער ערפינדער האָט נישט געקענט זאָרגען דערפאַר, אַז ר'זאָל קיינעם נישט שטערען מיט זיין גאַנג. זיי קלערען נאָר פאַר זיך. שטעלט אָב דעם זייגער, רופט אויס, באַפרידיגט. אָט אַזוי! שטיל זאָל דאָ זיין—ווי אין א אויער! א פליג זאָל מען דאָ נישט הערען, אדורכפליהען! — לייגט זיך צוריק.

פ ו י ז ע.

מ׳קלאפט אין טיר.

זיגמונט:

כאפט זיך אויף, פארביסען. וואס איז שוין ווייטער דא סארע גערודער? ווער קלאפט דאס אין דער טיר? וועלכער רוח האט זיך יעצט דאס אנגעטראגען, אזוי שפעט אין דער נאכט?.. פלוצלונג. מיין דאגה, זאל ער קלאפען. ר׳קען אפילו פויקען ביז מארגען אין דערפריה — ארט עס מיך אויך נישט: כ׳וועל מיך מ־כען גוט כ׳ראפען און—פטור. לייגט זיך, מאכט זיך כארכלען.

פויזע.

מ׳קלאפט א צווייט מאל אין טיר.

א׳שטילקייט.

מ׳קלאפט א דריט מאל, אבער שוין א סך שטארקער ווי פריהער.

זיגמונט:

הייבט זיך אויף פלעגמאטיש פון געלעגער, גייט מיט לאנגזאמע טריט צו דער טיר, שטעלט זיך אויף א ווײלע אפ, גייט באלד ווייטער. כ׳בין שוין נייגעריג אנצוקוקען דעם פארשוין, וואס האט אזוי פיל דרייסטקייט, אנצוקלאפען אזוי שפעט אין דער נאכט. העכער. טאמער טרעף איך אבער דארט, נישט קיין גוטען ברודער, ווארף איך אים ארויס ווי א גע׳פגר׳טען הונט אויף דער גאס.. צו אלדע בייזע רוחות! צוגעבענדיג. נאכאמאל, זאל ער קיינעם באנאכט נישט שטערען דעם שלאף! —

קומט צו נאהענט צו דער טיר, פרעגט ארויס. ווער איז?

אַ קול:

ענטפערט אָב. עפען אויף.

זיגמונט:

ווי פריהער ווער איז?

דאָס קול:

א היימישער.

זיגמונט:

שטרענג. ווער איז'ס..? כ'קען דאָך נישט עפענען מיין טיר פאַר יעדען שפעט-וואנדערער אָדער, מידען דורכגייער... צוגעבענדיג. כ'מוז וויסען דעם נאָמען פון דעם וואָס איז אונטער דער טיר.

דאָס קול:

גלייכצייטיג. כ'ברויך נישט מיין נאָמען צו ראפאָרטירען פאַר דיר, דו קענסט אים אזוי אויך.

זיגמונט:

מורמעלט קוים ארויס. איך קען דיך, זאָגסטו... דרייסטער. ווער ביזטו? פון וואנען, קענסטו מיך? רעד! — ווארט אויף ענטפער.

דאָס קול:

יאָ, דו קענסט מיך. נאָך א ווייל'ע. דערמאָן דיך, געדענקסטו די זומערדיגע פארנאַכטען פון אונזער שטעטעל, ווען מיר האָבעןביידע געשפאַצירט, טיף אין וואַלד אליין.. ווען נאָר די לבנה אין הימעל האָט געהערט, די ליבע-ווערטער, וועלכע דו האָסט מיר שטיל געשעפטשעט אין אויער אַריין... ווען דו האָסט מיך אַ ליבליכער געדריקט צו דיין הייס, שטאַרק

אויפגעבראַזטע ברוסט... געדענקסטו נאָך זיי, יענע אַמאָליגע פאַרנאַכטען!

זיגמונט:

שפרינגט אָב פון דער טיר אַ צומישטער, לויפט איבער דער שטוב אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג. גאָט מיין איינציגער, וואָס טוט זיך דאָ מיט מיר: עפּעס איז מיר די שטים אזוי באַקאַנט, די שפּראַך אזוי היימיש; זי דערמאָנט מיך אָן די בעסטע פאַרפלאָסענע טעג פון מיין לעבען. — פּלוצלונג אפשר איז מיין הייס-געליבטע שרה'לע, געקומען צופאָהרען צו מיר... פאַרכאַפּט זיך. ס'קען דאָך נישט זיין! זי וואָלט מיר פריהער דערוועגען, געמאָלדען! — קען זיך אַנ'אָרט נישט געפינען, א געשטיקטע פּויזע, מ'דערהערט דאָס קול רעדען ווייטער.

דאָס קול:

ליבליך. שרעק דיך נישט מיין פריינט, מיך אַריינצולאָזען צו דיר, אינ'איינעם מיט מיין אַריינקומען, ברענג איך דיר מיט: גליק, צופרידענקייט און דעם אייביגען פרידען — — כ'וועל פאַרלייכטערען דיינע זאָרגען, פאַרקלענערען דיין שמאַרץ, פאַרמינערען דיין וויטאָג — — — כ'וועל דיין קאָפּ מיט לאָרבער-קרענץ באַשענקען, דיין גייסט מיט קלוגשאַפט און פאַרשטאַנד, דיך אַליין, אין אייביגע חלומות פאַרוויגען — — — שרעק דיך נישט פאַר מיר, מיין פריינט שרעק דיך נישט! האַקט זיך אָב.

זיגמונט:

אין התפעלות. דאָס איז זי, מיין טייערע. דאָס איז זי,.. באַפּט

אויף זיך א לייכטען כאלאט, דרייט ארויף דעם לאָמפּ, לויפט שנעל צו דער אויסגאנג-טיר, עפענט זי ברייט, אויסרופענדיג. **גוט ג׳אָוועגט דיר, מיין טייערע! גוט ג׳אָוועגט!** — באמערקט קיינעם נישט אריינקומען, שרייט ארויס אויף דער גאס. **וואָס שעהמסטו זיך עפּעס, נאַריש קינד, צו מיר אריינצוגייען. קום שוין, אַריין! קום!** — די טיר בלייבט אָפען ‚ לענגערע צייט, ס׳קומט קיינער דורך איר נישט אריין.

גרויסע פּויזע.

זיגמונט:

טרויריג. **האָט מיר נאָר אויסגעדאַכט, אַז מ׳קלאַפּט באַ דער טיר... דאָס האָט מיר מיין צוהיצטע פאַנטאַזי אזוי אויס-געמאָלט, אז כ׳הער די שטים פון מיין געליבטע, רעדען צו מיר...** פלוצלונג. **ס׳וועט שוין אָבער מעהר נישט געשעהען.**— מיט פייער. **יעצט, קען שוין אָנקומען דער קיסר אַליין און קלאפּען: כ׳זאָל אים אריינלאָזען צו מיר — טו איך עס נישט! ס׳מעג אפילו דונערען און בליצען, אַלץ אַרום מיר קען הודזשען און באַוועגען זיך, די גאנצע וועלט זאָל ציטערען און קרעכצען פון יללות — אַרט עס מיך נישט!** נערוועז. **כ׳וויל פון גאָרנישט וויסען! מיך אינטערעסירט גאָרנישט!** שטילער. **כ׳וויל יעצט רוהען... נישט געשטערט...** וויל זיך װארפען אויפן געלעגער. מ׳הערט שפּילען מוזיק און אָנקומען א סך דורכגייענדע סאָלדאַטען, א נישט-אויפהערליך געטאָפּעריי פון די מארשירענדע.

זיגמונט:

בלייבט א ווײלע שטייען ווי פארשטיינערט, קוקט מיט שטאַרע בליקען אַרום זיך, עטעמט שווער אָב, ביטער. **זיי רעכענען, אז זיי וועלען**

מיך דערשרעקען מיט זייער אָנקומען... האַ — האַ — האַ!

לויט. די מוזיק שפּילט, אַלץ אַרום דיר טרייסעלט און באַוועגט זיך שטיל... אַרום דיר, וויגט זיך אַלץ און פאַרזינקט דיך אין טיפע רעיונות... ווערט ריידענדיג פאַרשווינדען אויפ'ן געלעגער.

פויזע.

די מוזיק שפּילט וואָס אמאָל אַלץ העכער, דאָס געטאָפּעריי וואַקסט פון מינוט צו מינוט.

זיגמונט:

ווי פאר זיך. כ'הער, איר שפּילט וואָס אַמאָל אַלץ העכער און העכער; איר מאַרשירט איבער דער גאַס אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער — כדי מיך אַלץ מעהר אויפצוורעגען... ס'וועט אייך נישט געלונגען! מיט פייער. כ'וועל אייך ווייזען, כאָטש די טענער פון דער מוזיק קלינגען אַזוי הילכיג אָב אין דער לופט. כאָטש דאָס געטאָפּעריי פון די פוסגייער מאַכט אָן, אַזאַ גרויס גערודער אין דער גאס... וועט מען עס באַ מיר אין שטוב, נישט הערען! דאָס גאַנצע גערויש וועט באַלד מוזען פאַרשטומען, פאַר מיינע אויערען! —

פאַרשטאָפּט דאָס פענצטער מיט אַלערליי סמאַטעס און קישענס.

פויזע.

די מוזיק שפּילט אַלץ ווייטער, די טענער רייסען זיך אריין מיט דער זעלבער קראַפט וואָס פריהער.

זיגמונט:

שפּרינגט אראָב פון געלעגער שרעקליך אויפגעבראַכט, וואַרפט אַלץ פון

פענצטער, פראלט עס אויף מיט א מורא'דיגע שנעלקייט, שרייט ארויס. פ—אַ—ר—ש—וו—יי—ג—ט!! הערט אויף, צו שפּילען!! הערט אויף צו מאַרשירען איבער דער גאס!! לאָז זיין ש—ט—י—ל!! —

די מוזיק הערט נישט אויף.

זיגמונט:

ענדערט פלוצלונג דעם טאָן, הייבט אָן מיט א וויינענדיג קול. פאַרוואָס לאָזט איר נישט אויסרוהען מיין שוואַכען קאָפּ, אָברוהען מיינע דאַרע-קראַנקע ביינער. פאַרוואָס מוטשעט איר מיך. מיט צאָרן. איר פינצטערע נאַכט-העלדען, שאָטען-געשטאַלטען, הערט אויף צו טומלען אויף דער גאַס... איר געדונגענע משרתים, הערט אויף צו אַרבעטען אייערע מעשים תעתועים: די עולות, ס'געוויין פון יתומים און אלמנות, שרייט שוין אזש ביז צום הימעל.. פאַרשווינט! צוזאַמען מיט דער נאַכט-פינצטערניש! ביטער. איר קריגט דאָך באַלוינט פאַר אייער טרחה... הא...? מיט דער גאנצער קראפט. כ'שענק אייך אַוועק אַלץ, נאָר גיט מיר — מנוחה... אַ קליין ביסעל רוה... ווי אין שגעון. לאָזט מיך צורוה! לאָ—זט מיך! —

די מוזיק הערט נישט אויף.

זיגמונט:

ווילד. איר ווילט נישט? ניין..!? שרייט. ברויך מען נישט.. איר הערט — מ'ברויך נישט... העכער. כ'לאַך, פון אייערע נאַרישע אויפטועןןן!! איך לאַך, פון זיי!! — ווארפט דאס בעט-

נעוואַנט אויף דר'ערד, לויפט האַסטיג איבער די שטוב, הין און צוריק איבער איר.

גרויסע פויזע.

זיגמונט:

פעסט. געגוג! מעהר צוריקלייגען אויפ'ן געלעגער, וועל איך מיך שוין נישט! איידער צו ליגען און מוטשען זיך, איז שוין אַ סך גלייכער אדורכצושטופען די נאַכט — וואַכעדיגערהייט! פארטראכט. אָבער, וואָס וועל איך טוען ביז אין ד'ער פריה, מיט וואָס וועל איך פאַרברענגען די דאָזיגע געציילטע פאַר שעה. אויפגעלעבט. כ'וועל פאַרטרייבען די צייט אין זינגען, שפילען... פריילעך וועל איך באַגעגענען דאָס אָנקומען פון טאָג, פון דער מאָרגענדיגער זון... שטעלט זיך אוועק אין א העלדישער פאָזע, הייבט אָן צו זינגען די אריע E Lucevan le stelle פון דער אָפערא „טאָסקא" *) א פיאַנינא אקאָמפּאַנירט אים די גאַנצע צייט אונטער די קוליסען, ביז ער פאַרשווייגט.

געפינקעלט האָבען שטערען.
איז אַלץ אַרום געשלאָפען.
אין טרוים האָב איך געוואַנדעלט.
איז פלוצלונג זי פאַר מיר,
אַנטקעגען אַנגעקומען:
און צאַרט מיר אויף דער ברוסט,
צום האַרץ מיר צוגעפאַלען — — —

מוזיק פון ד. פוטשינע. טעקסט פון א. ק—אָ.

אָ, רגע ווינדערבאַר!

אָ, גליק דו איבערערדיש,

אָ, רייץ פון צאַרטקייט,

אָ, פלאַם פון הייסע קושען!

— — — — — —

ס׳איז אַלץ פאַרטונקעלט:

אַ סוף צו דעם גן-עדן —

איך מוז מיט גליק זיך שיידען!

נאָר מיט מיין האַרצען

וועל איך אייביג דורשטיג

צום לעבען שטרעבען!

זיגמונט:

מ ט אנ׳אראָבגעלאָזטען קאָפּ. **ע׳, ס׳איז אַ צו טרויריג ליד! עס דערציילט, פון שטילע מענטשליכע ליידען!** צופרידען. **אַ צווייט ליד וועל איך זינגען—אַ פרייליכס.** הייבט אָן צו זינגען, נישט ווילענדיגערהייט זינגט ער אויס ווייטער א טרויריגע מעלאָדיע, באַ׳ם ענדיגען, רופט ער אויס. **בעסער וועל איך שוין עפּעס אויסשפּילען.** צוגעבענדיג. **דאָס פידעלע שפּילט, ווען כ׳וויל עס הערען און וואָס מיין נשמה דורשט דערנאָך... שפּיל!** נעמט א פידעלע, הייבט אָן צו שפּילען, הערט פּלוצלונג אויף אין דערמיטען, לאָזט אַרויס דעם סמיטשיק פון דער האַנט, בלייבט שטיין פאַרטראַכטערהייט, צו זיך.

אַזוי זעהט אויס — מיין האַרץ! שפּילט ווייטער.

פּ ו י ז ע.

זיגמונט:

אױפקלײַגענדיג די פידעל. נאַרישקײטען. צוגעבענדיג. כ׳געפין מיך נישט יעצט אין אַזאַ גוטען הומאָר, וואָס זאָל זיך מיר גלוסטען צו זינגען און שפּילען, פרײליך מאַכען דורך געזאַנג און קלאַנג...

פּױזע.

זיגמונט:

פּלוצלונג. אַ גוטער געדאַנק, איז מיר אײַנגעפאַלען! נאָך אַ װײַלע. כ׳װעל שפּאַצירען אױף די שײן-באַפּוצטע גאַסען פון אונזער שטאָט... אַרומבלאָנדזשען איבער זײַ פראַנק און פרײ, עטעמען מיט דער ברוסט פול פרישע לופט... אױפגעלעבט. כ׳װעל מיך אָנטוען און אַראָבגײען אױף דער גאַס! קלײדט זיך אָן עלעגאַנט, קעמט די האָר, קוקט אין טאַשען-שפּיגעלע, װיל שױן גײען אָב, קעהרט זיך אום צוריק. גוט, װאָס כ׳האָב מיך דערמאַנט. כ׳בין שיעור נישט אַזױ אַראָבגעגאַנגען אױף דער גאַס. העכער. די װאָנסעס, האָב איך דאָך נאָך נישט פאַרפּוצט..? טוט אָן אַ װאָנסען-טרעגער, שפּרײזט איבער די שטוב.

גרױסע פּױזע.

זיגמונט:

שטעלט זיך נישט באַמערקבאַר אָב נעבען פענצטער, הערט דערשראָקען באַ׳ם ערשטען אָנבליק: װאָס איז אױף דער גאַס, אַזױ שטיל... אַזױ לײדיג... די לאַמטערען ברענען... העפטיגער, צי איז אַזאַ טונקעלער טאָג, װאָס די לאַמטערען זענען אָנגעצונדען אָדער, ס׳איז נאָך נאַכט. דערמאַנט זיך. אודאי איז עס אַזױ!

כ'האָב נישט געקענט איינשלאָפען, בין איך אראָב פון געלעגער.

אַ ש ט י ל ק יי ט.

זיגמונט:

באמערקט אויף זיך דאָס קליידונג, דערציטערט. **וואָס האָב איך מיך עפעס אָנגעטוען.? וואָס הייסט, איך קען נישט שלאָ - פען?.. פארוואָס קענען אלע ארומיגע יאָ שלאָפען, און איך נישט..? פאר—וואָס..?!** ווארפט אלץ פון זיך אראָב, לייגט זיך אויפ'ן געלעגער, דרייט אויס דעם קאָפּ צו דער וואנט, שרייט נישט-אויפהערליך. **איך מוז!! איך, מ—ו—ז!!! —**

פ ו י ז ע.

מ'הערט שווערע טריט און א קלאפען פון א שטעקען, באלד באווייזט זיך אין דער טיר א קאָפּ, צולעצט קומט אריין דער נאכט-וועכטער.

זיגמונט:

האָט נישט באמערקט זיין אריינקומען, זיפצט. **ב-נע, האָב איך דאָס היינט א נאכט אביסעל: קוים איז שוין געווען שטיל א פּאָר מינוט און כ'האָב אָנגעהויבען צו האָפען, אז אָט באלד וועל איך אנטשלאָפען ווערען... האָסטו דיר שוין ווייטער א פריש אָנשיקעניש!** דערזעהט פלוצלונג דעם נאכט-וועכטער, איבעראשט. **וואָס טוט איר גאָר דאָ?**

דער נאַכט-וועכטער:

גאנץ רוהיג. **כ'גיי מיר אזוי אויף מיין אמט, ארויף און אראָב איבער דער גאס און היט די אָרדנונג... פלוצלונג כ'געב א קוק, א טיר שטייט אָפען...**

זיגמונט:

שלאָגט אים איבער די רייד, נערוועז. און אז א טיר שטייט אָפֿען, איז וואָס? טאָ, וואָס גייט עס אייך אָן? וואָס איז דאָס עפּעס, אייער באָבע'ס דאגה..? שרייט. אַרויס פון דאַנען! לאָזט מיך צורוה! גייט! —

דער נאַכט-וועכטער:

וואויל-יונגעריש. און אַז נישט...

זיגמונט:

בייז. כאַפּ איך אייך אָן פאַר'ן קאַרק און געב אייך אַ שליידער ארויס פון דאַנען, אז איר וועט צושמעטערט ווערען אויף שטיקלעך.

דער נאַכט-וועכטער:

קאַלט. אויב אַזוי, וואָלט איך טאקע געוועזן אַ בעלן צו זעהען, איר זאָלט עס באַווייזען...

זיגמונט:

ווי פון אַ דונער געטראָפען. זענט איר גאָר אַריינגעקו..ען ווערטלען זיך, מיט מיר..?! העצען — מיט מיר..?! מיך אַלץ מעהר אויפצורעגען און צרויסברענגען פון געדולד..?! פּאַלעט מיט דער האַנט אין דער לופטען. זאָלט איר אָבער, געדענקען! כ'וועל מיך אין אייך, נוקם זיין! איין- און איינציגען ביין, וועל איך אייך נישט איבערלאָזען אַ גאַנצען! — וואַרפט זיך אויף אים שלאָגען, יענער שטופּט אים אָב פון זיך מיט שטאַרקע קלעפּ, ווערט וואָס אמאָל אַלץ צורייצטער, צולעצט כאַפּט ער אים — אין דער גרעסטער אויפרעגונג שטיקען.

דער נאַכט-וועכטער:

וועהרט זיך נאָך א ביסעל שוואך, פאלט אנידער און שטארבט.

זיגמונט:

דערזעהט אים ליגען טויט, ברעכט ער אויס אין א ווילד געלעכטער, שרייט, נאָך אַמאָל ווערסטו מיך שוין לאָזען, אויסרוהען!! דו ווערסט מיר שוין נישט שטערען, מיין רוה!! — טרייסעלט פיבערהאפט דעם טויטען קערפער.

אויף ביידע לעצטע אויסגעשרייען קומען אנצולויפען—פון אלע טירען: פארשלאָפענע און האלב-דערשראָקענע מענטשען.

פ ו י ר ה א נ ג פ א ל ט.